**וואקסין אינפארמאציע סטעיטמענט**

# נומאקאקעל פאליסאכארייד וואקסין (PPSV23):
## *וואס איר דארפט וויסן*

Many Vaccine Information Statements are available in Yiddish and other languages. See www.immunize.org/vis

פילע וואקסין אינפארמאציע סטעיטמענטס זענען גרייט אין שפאניש און אנדערע שפראכן. זעט www.immunize.org/vis

## 1 פאַרוואָס זאל מען זיך וואַקסינירן?

**נומאקאקעל פאליסאכארייד וואקסין** (PPSV23) קען פארמיידן **נומאקאקעל קראנקהייט**.

**נומאקאקעל קראנקהייט** באציעט זיך צו סיי וועלכע קראנקהייט וואס ווערט פאראורזאכט דורך נומאקאקעל באציל. די באציל קענען פאראורזאכן פיל סארטן קראנקהייטן, אריינגערעכנט נומאניע, וואס איז אן אנטצינדונג פון די לונגען. נומאקאקעל באציל איז איינע פון די מערסט באקאנטע אורזאכן פון נומאניע.

אויסער נומאניע, קען נומאקאקעל באציל אויך פאראורזאכן:

- אויער אנטצינדונגען
- סיינוס אנטצינדונגען
- מענינדזשייטיס (אנטצינדונג פון די טישו וואס דעקט צו דעם מח און חוט השדרה)
- באקטערימיע (בלוטשטראם אנטצינדונג)

יעדער קען באקומען נומאקאקעל קראנקהייט, אבער קינדער אונטער 2 יאר אלט, מענטשן מיט געוויסע מעדיצינישע צושטאנדן, ערוואקסענע איבער 65 יאר אלט, און ציגארעט רויכערער זענען אין גרעסטן געפאר.

רוב נומאקאקעל אנטצינדונגען זענען מילד. פונדעסטוועגן, קען טייל פאראורזאכן לאנג-טערמיניגע פראבלעמען, אזוי ווי מח שאדן אדער הער-קראפט פארלוסט. מענינדזשייטיס, באקטערימיע, און נומאניע וואס נומאקאקעל קראנקהייט פאראורזאכט קען זיין פאטאל.

## 2 PPSV23

PPSV23 באשיצט אנטקעגן 23 סארטן באצילן וואס פאראורזאכן נומאקאקעל קראנקהייט.

PPSV23 איז רעקאמענדירט פאר:

- אלע **ערוואקסענע פון 65 יאר און עלטער**,
- סיי ווער פון **2 און עלטער מיט געוויסע מעדיצינישע צושטאנדן וואס קען פירן צו א העכערע ריזיקע פאר נומאקאקעל קראנקהייט**.

רוב מענטשן דארפן נאר איין דאזע פון PPSV23. א צווייטע דאזע פון PPSV23, און אן אנדערע סארט נומאקאקעל וואקסין וואס הייסט PCV13, ווערן רעקאמענדירט פאר געוויסע הויכע-ריזיקע גרופעס. אייער העלט קעיר פראוויידער קען געבן מער אינפארמאציע.

מענטשן פון 65 יאר און עלטער זאלן באקומען א דאזע פון PPSV23 אפילו אויב זיי האבן שוין באקומען איין אדער מער דאזעס פונעם וואקסין איידערן ווערן 65.

## 3 רעדט מיט אייער העלט קעיר פראוויידער

זאגט פאר אייער וואקסין פראוויידער אויב דער מענטש וואס באקומט דער וואקסין:

- האט געהאט אן **אלערגישע רעאקציע נאך א פריערדיגע דאזע פון PPSV23** אדער האט סיי וועלכע **ערנסטע, לעבנס-דראענדע אלערגיעס**.

אין טייל פעלער, קען אייער העלט קעיר פראוויידער באשליסן אפצושטופן PPSV23 וואקסינאציע צו א שפעטערדיגע באזוך.

מענטשן מיט מילדע קראנקהייטן, אזוי ווי א פארקילעכץ, מעגן ווערן וואקסינירט. מענטשן וואס זענען מעסיג אדער ערנסט קראנק זאלן געווענליךווארטן ביז מען ערהוילט זיך פאר מען באקומט PPSV23.

אייער העלט קעיר פראוויידער קען אייך געבן מער אינפארמאציע.

U.S. Department of Health and Human Services
Centers for Disease Control and Prevention

## 4 ריזיקעס פון אַ וואַקסין רעאַקציע

- רויטקייט אדער ווייטאג ביים פלאץ וואו דער איינשפריץ איז געגעבן געווארן, שפירן מיד, פיבער, אדער מוסקל ווייטאגן קענען פאסירן נאך PPSV23.

מענטשן חלש'ן צומאל נאך מעדיצינישע פראצעדורן, אריינגערעכנט וואקסינאציע. זאָגט פאַר אייער פראוויידער אויב איר שפירט ווי עס שווינדלט אייך, אָדער איר האָט ענדערונגען אין זע קראַפט אָדער קלינגען אין די אויערן.

אזוי ווי מיט סיי וועלכע מעדיצין, איז דא א גאר ווייטן אויסזיכט אז א וואקסין זאל פאראורזאכן אן ערנסטע אלערגישע רעאקציע, אנדערע ערנסטע שאדן, אדער טויט.

## 5 וואָס אויב עס איז דא אן ערנסטע פראבלעם?

אן אלערגישע רעאקציע קען פאסירן נאכדעם וואס דער וואקסינירטער מענטש פארלאזט דעם קליניק. אויב איר זעט צייכנס פון אן ערנסטע אַלערגישע רעאַקציע (הייווס, אַ געשוואָלענע פנים און האַלז, שוועריקייטן מיטן אָטעמען, א שנעלע האַרץ קלאַפּ, שווינדלונג, אדער שוואכקייט), רופט **9-1-1** און זעט אז דער מענטש זאל אנקומען צום נאנטסטן שפיטאל.

פאר אנדערע צייכנס וואס באזארגן אייך, רופט אייער העלט קעיר פראוויידער.

אומגינסטיגע רעאקציעס זאלן באריכטעט ווערן צום וואַקסין אומינסטיגע ערשיינונג באַריכטונג סיסטעם (Vaccine Adverse Event Reporting System, VAERS). אייער העלט קעיר פראוויידער וועט געווענליך אריינגעבן דעם באריכט, אָדער קענט איר עס טון אַליין. באזוכט די VAERS וועבזייטל אויף **www.vaers.hhs.gov** אדער רופט **1-800-822-7967**. *VAERS איז נאר פאר באריכטן רעאקציעס, VAERS שטאב גיבט נישט קיין מעדיצינישע ראט.*

## 6 ווי אַזוי קען איך געוואר ווערן מער?

- פרעגט אייער העלט קעיר פראוויידער.
- רופט אייער לאקאלע אדער סטעיט העלט דעפארטמענט.
- פארבינדט זיך מיט די צענטערן פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידונג צענטערס פאר קראנקהייט קאנטראל און (CDC) פארמיידונג:
  - רופט **1-800-232-4636** אדער
  - באזוכט CDC'ס וועבזייטל אויף **www.cdc.gov/vaccines**



Translation provided by the New York City Department of Health and Mental Hygiene